יום ב' פרשת וזאת הברכה
ערב חג הסוכות תשפ"א לפ"ק
09/20/2021

תוכן הענינים

צום פינטל
פון די חבריא
חיזוק געדאנקען
רעקאווערי שמועסן

מעלדונגען

לכבוד יו"ט
טראץ דו גאר פארנומענע ערב יו"ט טעג האבן מיר פרובירט צוזאמצושטעלן א שיינע חיזוק אימעיל ב"ה.
דער אייבערשטער זאל העלפן אויף ווייטער.
ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר ווינטשן פאר אלע חברי הקהלה א פרייליכן לוסטיגן יו"ט און א גוט קוויטל. דער יו"ט זאל אדורכגיין מיט שמחה און געשמאק, אן קיין שום עגמת נפש, ברוחניות ובגשמיות.
א ווארט וועגן די יערליכע אפיעל פארן סייט
צום ערשט ווילן מיר זיך נאכאמאל באדאנקען פאר די אלע אידן וועלכע האבן שוין בייגעשטייערט פאר אונזער הייליגע און וויכטיגע ארגאניזאציע, ווי מען האט געזעהן די געוואלדיגע נתינות וואס זענען אריינגעפלאסן און די קאסע און די לעצטע צוויי וואכן. און מען האט שוין דערגרייכט די אסטרנאמישע סכום פון קרוב צו 11.000$ השי"ת תשלם משכורתם השלימה!
אין די זעלבע צייט וועלן מיר אין די איצטיגע הייליגע טעג, ביז הושענה רבה, קומען מיר מיט אן איינמאליגן יערליכן אפיעל צו אלע חברים וידידים, מעמבערס און ווארעם-הארציגע אידן, וועלכע פארשטייען דאס מערסטע ווי וויכטיג אונזער ארגאניזאציע איז אין דער היינטיגער שרעקליכער וועלט וואו אונז לעב מיר:
ביטע זיך אנשטרענגען צום אינצטיגן אפיעל און בייצושטייערן פאר אונזער הייליגע ארגאניזאציע מיר זאלן קענען ווייטער אנגיין ביתר שאת וביתר עז מיט די ארבעט צו פארשענערן און פארבעסערן די אידיש-רעדנדע סייט! (גאר בקרוב וועט מען אי"ה קענען זען די געוואלדיגע פארשריט אויף אונזער סייט) ווי מיר געלט אונז באקומען אריין, אלס מער קען מען אויפטון און מאכן פארשריט צו העלפן מער און מער אונזער היימישע אידיש-רעדנדע ברידער און איר קענט האבן א גלייכער חלק אין הצלות נפשות ממש ממוות לחיים!
כאפט אריין געוואלדיגע גרויסע זכותים און העלפט ארויס אייך מיט אייערע היימישע ברידער וועלכע מוטשענען זיך און דראפענען זיך אויף די גראדע וועגט, און דער איינציגסטער בריק אויפ'ן וועג ארויס פון זומפ איז נאר דורך אונזער ארגאניזאציע!
אונזער ארגאניזאציע האלט זיך נאר אויף און גייט אן בלויז אדאנק די ווארימע נדבות פון אידישע קינדער איבער דער גארער וועלט, וועלכע זענען ווארים פאר דעם וויכטיגן צוועק.
מיט'ן ביישטייערן פאר אונזער ארגאניזאציע זענט איר א גלייכער שותף אין די הייליגע פעולות ארויסצושלעפן און ראטעווען אידישע קינדער פונעם טיפן זומפ און דורכדעם אויפרעכטן און ראטעווען דורי דורות!
צו ביישטייערן ביטע דרוקט דא ( https://:guardyoureyes.com/yid?/option=com_jdonation )
(מאכט זיכער אז איר זענט דוקא אנגעקומען צום אידישן סייט. אויך אויב איר גיבט אייער באשטייערונג נישט דורך א קרעדיט קארד אדער פעיפאל, מאכט זיכער צוצוצייכענען FOR THE YIDDISH SITE כדי דאס געלט זאל טאקע אנקומען און גענוצט ווערן פאר אונזער אידיש-רעדנדן סייט)

תזכו למצוה און אין דעם זכות זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעם גוטן און איר זאל פארשריבן ווערן בספרן של צדיקים, און ס'זאל ביי אייך מקוים ווערן דעם "כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו"

צום פינטל

אין אונזערע הענט
אלעס איז באשערט, צרות און פראבלעמען, אבער צי ס'זאל זיין גוט צי נישט, ליגט אין אונזערע הענט...
(קרעדיט: goodbye)

פון די חבריא

א ציבראכן הארץ
עס איז באקאנט אז די טריסקער מגיד זי"ע האט אמאל פאר ער איז אריין געגאנגען אין סוכה געבליבן שטיין א לאנגע

ווײַלע, אין דערנאָך איז ער אריין, האט ער שפעטער מסביר געווען, אז ער האט זיך מתבונן געווען, ווער איז ער צו אריין אין אזא הייליגע סוכה, מיט וואס בין איך ווערט וכו'/
אבער שפעטער האט ער אריין געטראכט אז די חז''ל זאגן דאך שברי כלי חרס הוא מטהרתן, האט ער זיך מחזק געווען אז מיט דעם וואס ער האט א צובראכן הארץ דאס אליינס העלפט צו קענען אריין גיין אין סוכה...
(קרעדיט: שיע)

חיזוק געדאנקען

איך זוך דער שווערע וועג.
כ'האב אמאל געהערט א גאנצע שיעור פון ר' עזריאל טויבער ז"ל אויף די נקודה, ער ברענגט ארויס אז די עיקר ענדשוימענט איז די טשעלענדש, מקען דאס אויך זען פון די שאך שפילערס קיינער וועט זיך נישט נעמען שפילן מיט א דריי יעריגע קינד איי די ווילסט דאך געוואונען יא אבער וואס איז אינטערעסאנט צו געוואונען א דריי יעריג קינד? ער וועט נעמען איינער וואס איז זיין לעוועל און ווי שווערער די שפיל איז געווען אלץ מער וועט ער ענדשויען ווען ער געווינט, אויך די מענטשען וואס קריכן מאונט עווערסט ווען זיי קומען אן אויבן זעטיגן זיי זיך נישט פון די פאנארמא, פון די לופט, זיי ענדשויען יעדע מינוט און קענען זיך נישט אפרייסן, אבער ווען איינער פליט דארט ארויף מיט אן העליקאפטער וועט ער נישט פילן די זעלבע פארוואס? ווייל דער וואס האט געקראכן האט זיך געמוטשעט שוין געוואלט 30 מאל אויפגעבן און געגאנגען ווייטער און ווייטער ביז ער האט דערגרייכט די שפיץ, דאס איז די הנאה, די טשעלנדש
די זעלבע טייערע חברים אויב די מוטשעסט זיך און פאלסט דורך און מוטשעסט דיר נאכאמאל און די געסט א קוק און די זייט און דו זעסט ווי דיינע חברים רוקן טעג זיי גייען פאראויס מיט א אימפעט און דו טראכסט ארך פארוואס מוטשע איך זיך אזוי איך וואלט אויך געוואלט זיך אויפסיינען און זיך נעמען האקן טעג און סזאל פארן געשמירט, זיי אים נישט מקנא קען זיין אויף די מינוט איז אים גרינגער אבער זאלסט וויסן ווען דו וועסט ענדליך אנקומען אויבן ביי די שפיץ וועט דיין הנאה זיין אומבאשרייבליך און ווי שווערער די וועג איז אלץ שטערקער וועט זיין דיין הנאה!
(קרעדיט: שלום גאנץ ( https://:hitdanoigen.com/forum/3-%D7%A6%D7%A2%D7%A0%D7%98%D7%A8%D7%90%D7%9C%D7%A2-%D7%A4%D7%9C%D7%90%D7%98%D7%A4%D7%90%D7%A8%D7%9E%D7%A2/261091-%D7%A2%D7%A0%D7%98%D7%A4%D7%A2%D7%A8-%D7%9E%D7%95%D7%A6%D7%90%D7%99-%D7%A9%D7%91%D7%AA-%D7%A0%D7%97-%D7%90%D7%99%D7%9F-%D7%A2%D7%9E%D7%A8%D7%9D%D7%A1-%D7%A1%D7%95%D7%9B%D7%94#261091 ))

יערליכער אפיעל

מיין זיידע הרב אבהרם טווערסקי זצ"ל
מיט עטליכע יאר צירוק האב איך געפירט א זייער אפענהארציגע שמועס וועגן דעם אינטערנעט מיט מיין זיידע, הרה"צ ד"ר אברהם יהושע טווערסקי זצ״ל
מיין זיידע (וואָס איז בכלל נישט געווען באַוואוסט אלס איינער וואס האט אמאל מוסר געזאגט פארן ציבור) האט מיר אריין געקוקט אין די אויגן און צו מיר געזאגט, "חיים, אויב משיח וועט נישט קומען אין די קומענדיק פינף צו צען יאָר, איך בין דערשראָקן אַז עס וועט מער נישט זיין קיינער צו וועמען צו קומען!!
דאָס איז געווען זיין גרעסטע דאגה וועגן די ביטערע טשעלענדזש פון אונזער דור
ער האָט מיר געוויזן פילע בריוון וואָס ער האָט באקומען פון ישיבה בחורים און כולל יונגעלייט, וואס זענען נעבעך געכאפט אין די נעץ פון שווערע נסיונות, וועלכע פרובירן פאַרצווייפלטערהייט צו הענגען אויף די לעצטע סטרינגס פון זייער נשמות און בעטן זיך נאך הילף. זיין הארץ האט געבליטיגט נאך די אלע פארוואלגערטע נשמות.
מיין זיידע האט מיר אסאך מאל געזאגט אז ער האָט יארן נישט געוואוסט וואס צו טאן מיט די צאל לאזער הילף'ס רופן פון אדיקשאן ביים פרומען עולם ביז די שאפונג פונעם הייליגן חבורה Guard Your Eyes אויך באקאנט אלס 'היט דיינע אויגן'
מיין זיידע איז אייביג געווען דארט צו העלפן GYE. ער האָט געגעבן זיין צייט, זיין האַרץ און זיין עדווייס און אפילו פערזענלעך ארום געגאנגען צו שאפען געלט לטובת GYE פילע מאל. איך בין זיכער אַז מיין זיידע וואָלט פארגעזעצט צו טוהן אלעס וואס ער קען פון יענע וועלט צו העלפן GYE פארצוזעצן איהר הייליגע ארבעט
פארדעם קום איך צו אייך מיט א הייסע בקשה ארויס צו העלפן העלפן GYE מיט זייער יערליכן קאמפיין, כדי כלל ישראל זאל האבן האָפענונג איבער די שווערע פגעי הזמן.
זאל עס זיין אַ זכות פאר זיין הייליגע נשמה, פאר דיר, אין פאר דיין משפחה און פאר גאנץ כלל ישראל.

א פרייליכען יו"ט
חיים ש טווערסקי
(קרעדיט: שכוח טשולענט פארן עס איבערטייטשן)

פאר סיי וועלכע הערה/הילף, אדער צו מנדב זיין אן אימעיל (וואס ווערט געשיקט צו איבער 1000 אדרעסן) און האבן דעם געוואלדיגן זכות צו זיין ממזכי הרבים, ביטע ריפלייען צו דעם אימעיל

דאונצולאודן אונזער "האנטבוך" דריקט דא ( http://guardyoureyes.com/live/ebooks?task=callelement&forma
t=raw&item_id=213&element=f85c494b-2b32-4109-b8c1-083cca2b7db6&method=download )
זיך אראפצוסיינען פון די אימעילס

אלעס איז באשערט, צרות און פראבלעמען, אבער צי ס'זאל זיין גוט צי נישט, ליגט אין אונזערע הענט